שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ ״אחד״

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה״צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט״א

מאמר

**היו נכונים**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר נ״ד**

סיון שנת תשפ״ו לפ״ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©

כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


'האוחז במקצת אוחז בכולו' .......... א
איך בין נישט מסכים .......... ב
ווי גרייט מען זיך? .......... ד
דער חסידיש ווָארט פון חתם סופר .......... ה
'גוי קדוש' - א הייליג פאָלק! .......... ו
די ריכטיגע שמחה .......... ז
'שָׁמְרוּ אִמְרָתֶךָ וּבְרִיתְךָ יִנְצֹרוּ' .......... ט
אויסגעהיילט דורך דעם 'קל וחומר' .......... י
דער חילוק פון דעם איד מיטן גוי .......... יב
'ואתם תהיו לי ממלכת' .......... יג
'וקרא בו כל ימי חייו' .......... טז
קבלת עול תורה .......... יח
געשפאָלטן דער תורה .......... יט
דער חזו"א האט פארשטאנען א צווייטן אויך .......... כ
'כי הוא חייכם' .......... כא


**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרהו"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# אליעז"ר דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים

**ד**לה דלה לנו מבאר מים חיים טהורים, שבעה משיבי טעם להרוות לצמאים המוצאים שאהבה נפש**י**
**ו**יהי כל דור"ש את השם וישיגהו, בתבנית קונטרסים נפלאים מלאים זיו מפיקים, בו ימצאו לביקוש נפשם מנו**ח**
**ר**צוף אהבה באחריתו עידוד חיזוק בקוצר אמרים, ויתאמ"ץ לב"ך לשכון באור ישרים, כל דורשי"ה ישיג**ו**
**ש**שים אנו על אמרים אלו כמוצא שלל רב, אשריך בחלקך לברר מקחו של צדיקים לכל דורשי"ו והקרן קיימת לע**ד**
**י**דיו רב לו להרבות בכל קצוי תבל אמת ואמונה, וביום שמחתו בקול גילה ורנה, יבוא הזכותים אליך וברכתי**ך**

בשם אלפי הקוראים ומתענגים מהדר זיו נועם הקונטרסים והספרים הנפלאים '**דורשי יחודך**' מברכים אנו ברכת מזל טוב קמי פני האי גברא דמרא סייעא, צנא מלא ספרא, מעוטר בכל מדה נכונה, ענוותן ושפל ברך, ויגבה לבו בדרכי ד' לזכות את ישראל מאוצר המנוצר, הוגה בעסקי אורייתא יומם ולילה, חו"ב איש האשכולות ירא שמים מרובים, חובר חיבורים מחוכמים, איש חי ורב פעלים, מרביץ תורה לעדרים

## כש"ת הרה"ג רבי **אליעזר וואלדמאן** שליט"א

**מח"ס 'ביאורי הלכות' ויו"ר מכון "דורשי יחודך"**

**הוא הגבר אשר ראה בסבלון אחיו בדור האחרון, וייסד מכון "דורשי יחודך" אשר חיזק והציל רבבות נשמות ישראל, וחיזק והעלה למעלות רבבות המון נפשות**

## אשריך ר' אליעזר שזכית לכך!

ובוודאי יעמוד לך זכות למצח זכות של הרהורי תשובה והתחזקות לעבודת השי"ת של אלפים ורבבות.

**ויעלוז לבינו ביום תת ד' שמחה במעונך בכפלים,**
**בהולדת בניך התאומים למזל טוב!**

ברכותינו אמורה ושטוחה שיה"ר שתזכה לגדלם ולחנכם לתורה ולחופה ולמעש"ט, ע"ד רבותינו הק' ויגדל לאילנא רברבא ותזכה לרוות רב תענוג ונחת דקדושה ממנו ומכל יוצ"ח עושר ואושר וימלא ד' כל משאלות לבך לטובה ותזכה להגדיל ולהרבות פעולותיך לטובה לזכות את ישראל עוד רבות שנים לטובה ובזכות זה יזכה בקרוב לביאת גוא"צ בב"א

המברכים בלו"נ

**מכון דורשי יחודך בשם אלפי הקוראים**

# מאמר נ"ד

## 'היו נכונים'

## חלק מתוך שיחת הכנה לקראת שבועות שנת תש"ס

### 'האוחז במקצת אוחז בכולו'

אין ספר **בעל־שם־טוב** פרשת נשא, ברענגט ער פון דעם "תולדות" און פון כמה ספרי בעל־שם, אז דער בעל־שם־טוב זאגט, אז א מענטש זאל טון איין 'מצוה', איין 'דבר שבקדושה' ווי עס דארף צו זיין, [ער זאל נאר נישט דוחה זיין קיין אנדערע מצוות און קיין איין לאַו], אז ער האט געטון נאר איין מצוה בשלימות, איז ער 'אחוז בכל התורה כולה', וואס דאס איז דער תכלית פון א מענטשן, אז דער 'קומת אדם' זאל זיין דבוק 'במחשבה דיבור ומעשה' 'בקומת התורה'.

מיט איין מצוה!

זאגט דער בעל־שם־טוב, פארוואס? ווייל 'האוחז במקצת' איז 'אוחז בכולו' - מרוב אחדות וואס איז דא אין דער תורה הקדושה[א].

---

**א.** עיין אוסף אמרים (תורה מאמר שני) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: ורבינו אמר פעם (ראה שיחות הר"ן אות יז) שהגדולים שבדורות קודמים, הגם של ידעו קבלה, אבל על ידי לימוד התורה שלהם ומרוב דבקותם בתורה הק' היו יכולים לעשות מופתים גם ע"י פשטות התורה. וביאור הדבר, כי סוף כל סוף כאשר אוחזים בסוף החבל (בפשטי אורייתא) אוחזים גם בהתחלת החבל (בשורש התורה). כשהאדם לומד אפי' פשטי אורייתא אזי הוא דבוק בהשי"ת ובאלקות הגנוזה בה (והבעש"ט כתב על "תורה לשמה" – לשם האלקות הגנוזה בתוה"ק).

ולכן אנו רואים אצל יהושע בן נון כשדיבר אל השמש ואמר "שמש בגבעון דום" (יהושע י, יב) ורצה לשנות את טבעה - הראה לה ספר דברים (כמובא במדרש בר"ר ו, ט), שהוא עסק בו הרבה (כמובא שם בשם רשב"י) "שספר משנה-תורה היה סגנון ליהושע", ובשעה שנגלה אליו הקב"ה מצאו יושב וספר משנה-תורה בידו. לכן היה בכוחו לומר לשמש: "כשם שלא

וויבאלד די תורה הקדושה קומט פון דעם אויבערשטנ'ס חכמה כביכול, און "ה' אחד", דערפאר איז דא אין דעם א מורא'דיגער אחדות; ממילא, אויב א מענטש זאל טון איין מצוה, איין 'דבר שבקדושה' בשלימות, ערנסט למען שמו יתברך, איז ער נכלל אין 'כל התורה כולה' ממש; אזוי גרויס איז יעדע מצוה און יעדע 'דבר שבקדושה'[ב].

## איך בין נישט מסכים

מיט דעם האב איך געקלערט טאקע, בתוך דעם הייליגן רבי'נס

דוממתי מזה אף את דומי מלפני" ותצייתי למה שאני מצוה אותך, מיד "וידום השמש וירח עמד" (שם יג). כי הקב"ה ברא את כל הבריאה ע"י התורה, ומי שדבוק בתורה הוא מושל, ויש לו כח הממשלה לצוות ושיצייתו לו, ומכח לימודו ספר דברים - עצר יהושע את השמש.

**ב.** עיין 'תולדות יעקב יוסף' פר' יתרו אות ו': **בכל מקום שאני תופס ואוחז בקצה וחלק מחלק האחדות הרי אני תופס כולו, וכן שמעתי ממורי והבן.** והנה מאחר שהתורה והמצות נאצלו מעצמותו יתברך שהוא אחדות האמיתי, אם כן כשמקיים מצוה אחת על מכונה ובאהבה שהוא הדביקות בו, ותפס במצוה זו חלק האחדות, אם כן כולו בידו כאלו קיים כל המצות שהם כללות אחדותו פרצוף שלם כביכו"ל, וכן כתב בזוהר נשא דף קכ"ד דמקיים מצוה א' על מתכונתו סגי, ע"כ. גם עיין ספר 'בעש"ט עה"ת' - 'מקור מים חיים', מה שמעתיק מספר 'חרדים' פרק ס"א, וז"ל: אף על פי שחייב אדם להזהר בכל המצות, מכל מקום יש לו להחזיק באחת מכל המצות בכח גדול והתמדה שלא יעבור עליה כל ימי חייו, לפי שכללות התורה שהם תרי"ג מצות נקרא עץ חיים כדכתיב עץ חיים היא למחזיקים בה, **והאוחז ענף אחד מן האילן יפה אוחז בכולו**, שכל שאר הענפים נמשכים אחר אותו ענף שכלם גוף אחד, אבל אם בא לאחוז בכל הענפים יחדיו לא יוכל לאחוז כלום. עיין 'בארת המים' (לרצ"ה מרימנוב), לשבועות, וז"ל: 'ויאמר היו נכונים לשלשת ימים'. אמר הרה"ק: **ומה היו עושים באותם הימים? הנה באלו הימים היו מתפללין להשי"ת 'והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך'.** ואח"כ פתח ואמר, הנה אנו מתפללין באהבה רבה 'ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים' וכו'. והיה מפרש, 'בינה להבין' וכו', 'לשמור' זה ל"ת כמ"ש 'השמר' וכו' אינו אלא ל"א, 'ולעשות' זה מצות עשה. אך זאת קשה, כי 'לקיים' הוא מיותר, כי הוא נכלל במה שאמר לפניו 'לשמוע כו'? והיה מתרץ, כי הנה יש רמ"ח עשה ושס"ה ל"ת, **וכל איש מישראל יש לו חלק ואחיזה במצוה אחת, ואם יעלה בידו לקיים אותה מצוה אשר היא משורש נשמתו, אזי בנקל לפניו לקיים כל התורה עם כל המצוות התלויות בה.** וזה שאנו מתפללין **'ולעשות'** המצוה אשר על ידה באנו **'לקיים את כל דברי תלמוד תורתך'.**

דיבורים פון חיזוק איז דאך דא, דער **רבי** זאגט[ג]: "**אפילו מען ליגט חס־ושלום אין א בלאטע**"; דער רבי ווייסט דאך וואס דער רבי רופט אָן בלאטע; זאגט דער רבי: "**שרייט מען און מען שרייט, און מען שרייט!**" - דאס איז א דיבור פון הייליגן רבין.

בפַּשטות, אוודאי האט דער הייליגער **רבי** געוואוסט דער גרויסקייט פון דער 'צעָקה' פון א 'נפש ישראלי'[ד]; און דער הייליגער רבי האט געוואוסט ווי ווייט דאס וועט אים ביישטיין קעגן אלע קטרוגים וואס עס איז דא אויף אים, די אלע קטרוגים מיט יאושים, מיט די קטרוגים וואס עס איז דא אויף זיין שרייען אפילו; האט דער רבי געוואוסט אז דאס וועט אים ביישטיין לעולם, דאס וועט אים א טובה טון; ער זאל נאר פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און שרייען[ה].

אבער לפי זה קען מען דאס מסביר זיין; אז א מענטש ליגט אין א בלאטע, איז ער דאך נעבעך אפגעריסן. אבער אז ער שרייט, איז ער מוחה, ער איז מוחה. ער איז טאקע נעבעך אין א 'מצוּדה', ער קען נישט ארויסגיין, אבער ער איז נישט מסכים, ער איז נישט מסכים; ער האלט טאקע אינמיטן "טבעתי ביון מצולה ואין מעמד", ער זינקט טיפער און טיפער; אבער ער איז 'מגלה דעת' אז ער איז נישט מסכים[ו].

---

**ג.** 'שיחות הר"ן' אות קכט.

**ד.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ח' אות א': הנה יקר גנוחי ונוה (שקורין קרעכץ) מאיש ישראלי.

**ה.** עיין 'שיחות הר"ן' אות ג': מכל הנפילות והירידות שבעולם רח"ל יכולים לחזור אליו יתברך בנקל, כי לגדולתו אין חקר. והעיקר שהכל תלוי בו, שלא יהיה מייאש עצמו מלצעוק אל ה' ולהתחנן ולהתפלל אליו יתברך תמיד.

**ו.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' חזקת מטלטלין ה"ה אות יג, וז"ל: אפילו אם רואה שאינו פועל ח"ו בתפלתו, ואדרבה, הרע מתגבר עליו ביותר, אף על פי כן ידע ויאמין שפועל הרבה בתפלתו וצעקתו, כי על כל פנים צעקתו ותפלתו הוא בחינת מחאה הנ"ל ... שעל ידי זה אין יכולה הסטרא אחרא להחזיק בנחלתו ח"ו בשום אופן, כי אין חזקה מועלת כשיש מחאה נגדה.

ווײַבאַלד אַז ער איז מגלה דעת אַז ער איז נישט מסכים, איז ער נישט דוחה 'התורה כולה', און ווײַבאַלד ער איז נישט דוחה די תורה הקדושה, קען ער זוכה זײַן אַז ער זאָל דאָרטן טון אַ 'כפיית היצר', און זיך אוחז זײַן אין עפּעס אַ דבר שבקדושה, צו אין אַ מצוה - 'במקום שהוא', און 'באשר הוא שם' קען ער געפינען 'שבילין' איבערצוגײַן 'ממות לחיים'[ז]. עס איז דאָ אַסאַך סיפורים אמיתיים פון מציאות'ן וואָס עס איז אַזוי געווען בײַ המון נפשות מישראל.

**ווי גרייט מען זיך?**

אוודאי, בתוך 'עם קדוש' איז דאָ אַן ענין פון 'חיפוש'; בתוך אַט דער 'עיקבתא דמשיחא', בתוך אַזאַ מין דור המבול, וואָס 'לא היה לעולמים' אַזאַ מין הסתרה מיט אַזאַ הסתר פנים, וואָס ממש די לופט איז פאַר'סמ'ט; אַז מען גייט נאָר אַן אָטעם, אָטעמט מען אַרײַן אפּיקורסות און שמוץ - אַזוי פאַר'סמ'ט איז די לופט; עם־כל־זה, בתוך 'עם קדוש' איז דאָ אַ 'חיפוש' - ווי מאַכט מען אַ הכנה צו דעם שבועות הקדוש? ווי מאַכט מען אַ הכנה צו קבלת התורה? עס איז דאָ עפּעס אַן ענין פון 'חיפוש'[ח].

און אַז מען הייבט אָן צו זוכן אַדער פרעגן, איז 'זה אומר בכה וזה אומר בכה'; אָבער למעשה, 'אלו ואלו דברי אלקים חיים'; ווײַבאַלד, אַזוי ווי מיר האָבן גערעדט פריער, די תורה איז אַזוי כלול, אַז מיט וואָס אַ מענטש זאָל אָנהייבן, איז דאָס אַ גוטע ריכטיגע התחלה, אַ

---

**ז.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הריח ה"ד אות מה: כשהאדם נופל על ידי חטאים למקום הרחוק מהקדושה, אזי ה' יתברך מזמין לו שם רמזים לפי אותו המקום ומזמין לו איזה זכות שיכול לזכות בזה המקום הרחוק דייקא. וזהו הנסיון והבחירה שלו. **ואם יזכה שם לזכור בה' יתברך**, ולעשות שם מה שיוכל, מה שמרמז לו ה' יתברך בכל מקום שהוא, **בקל** יוכל לשוב לה' יתברך. כי לפי המקום הזה יכול לזכות **בעבודה קטנה** לעשות נחת רוח ותענוג ושעשוע גדול לה' יתברך מה שלא היה זוכה במקום קדוש ביותר.

**ח.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' עח: ישראל הם עכשיו קרובים אל הקץ מאד, ויש עכשיו לישראל געגועים גדולים וכיסופין גדולים לה' יתברך, אשר לא היתה כזאת בימי קדם, וכל אחד נכסף מאד להשם יתברך.

גוטע הכנה לקראת קבלת התורה, און דער אויבערשטער נעמט דאס אָן 'בְּחֵן ובאהבה'[ט].

## דער חסידיש וואָרט פון חתם סופר

איך בין אמאל געווען ביי א איד א גדול; האט ער מיר געזאגט אז דער **חתם סופר** זאגט[י], פארוואס האט יעקב אבינו חוזר געווען אויף די 'פכים קטנים'?

עס שטייט פון **בעל־שם**[יא]; א 'בהמת כהן' עסט תרומה, וויבאלד אז איר בעל־הבית איז א כהן איז זי אויך א כהן; ווייל ביים צדיק, דער גאנצער רכוש זיינער איז פול מיט אורות, און דאס שטראלט 'באור קדושתו' אין אלע חפצים וואס ער האט און אין דער גאנצער רכוש וואס ער האט.

איז יעקב אבינו האט חַס געווען אויף די אורות וואס ליגט אין די 'פכים קטנים' אז עס זאל נישט לאיבוד גיין, דערפאר האט ער חוזר געווען דערויף.

עס ווערט געברענגט, א מענטש זאל נישט מזלזל זיין אין די 'פירורין דאורייתא'[יב]; דאס הייסט, אין יעדעס 'פירור' פון א 'דבר שבקדושה'; אז עס זאל נישט גיין 'לאיבוד'; ער זאל זוכן וואו מען קען ארייננכאפן א 'דבר שבקדושה', א 'מנהג ישראל' (וכדו')[יג].

---

**ט.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' חדש ה"ד אות ט': צריך האדם להתחיל ממקום שיתחיל; ומאיזה בחינה שיתחיל, באיזה נקודה טובה בעלמא, טוב לנפשו ונשמתו.

**י.** עיין 'חתם סופר' עה"ת פר' וישלח ד"ה 'ויותר יעקב לבדו'.

**יא.** עיין 'דגל מחנה אפרים' פר' לך לך ד"ה 'וישב את כל הרכוש', וז"ל: שמעתי בזה הקדמה מאא"ז נ"ע זללה"ה, כי יש לכל צדיק וצדיק ניצוצין קדישין השייכים לשורש נשמתו אשר צריך לתקן ולהעלותם ואפילו משרתיו ובהמותיו וכליו הכל יש בהם ניצוצין קדושים וצריך הוא לתקנם ולהעלותם לשרשם.

**יב.** זוה"ק ח"ג דף רמד ע"ב.

**יג.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' מנחה ה"ז אות כא: עיקר התיקון על ידי בחינת פירורים דקים שמתגבר כל אחד לחטוף וכו'.

דערפאר איז ער געגאנגען חוזר זיין עס זאל נישט גיין לאיבוד די 'אורות הקדושות' וואס איז דא אין די 'פכים קטנים'.

זאגט ער מיר - 'דער 'חתם סופר' זאגט דאס'. זאג איך אים, 'דאס זאגט דער 'חתם סופר'? דאס פאסט פאר דעם 'בעל־שם', פאר'ן 'מגיד', פאר'ן 'חוזה', ווי קומט דער ווארט צום 'חתם סופר'?'.

האט ער מיר געזאגט: "וואס מיינסטו? די תורה איז טאקע זייער גרויס, אבער די תורה איז אזוי מאוחד, אז איינער הויבט אָן פון דער זייט, און דער הויבט אָן פון דער זייט, אבער אלע קומען סוף־כל־סוף צו איין נקודה.

"ער האט טאקע אנגעהויבן פון וואנעט ער האט אנגעהויבן, אבער וויבאלד די תורה איז 'תורת אמת' און די תורה איז גרויס, איז ער צוגעקומען צו א זאך וואס דער בעל־שם־טוב דארף ווען זאגן".

על־כל־פנים, איך מיין צו זאגן, עס איז שווער צו מאריך זיין, איך וועל אבער ברענגען אפאר נקודות וואס יעדע נקודה איז כמעט א 'דבר עיקרי', עס האט נישט קיין גבול וויפיל נקודות עס איז דא ארומצורעדן, וואס אין יעדער זאך וואס מען טוט, אז מען טוט דער זאך ערנסט, איז ביי 'דעם' איז 'דאס' די 'הכנה לקבלת התורה', און ביי 'דעם' איז 'דאס' די הכנה לקבלת התורה; אלעס ווייל די תורה איז זייער שטארק מקושר.

## 'גוי קדוש' - א הייליג פאָלק!

איך וויל נאר ארומרעדן 'במעט' אפאר נקודות. מען וועט נעמען א דוגמא, די ערשטע פסוקים פאר קבלת התורה; איינע פון די פסוקים איז[יד]: "**וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**".

---

**יד.** שמות יט, ו.

אט דאס האט דער אויבערשטער געזאגט פאר 'קבלת התורה'; א 'דיבור' אז דער אויבערשטער וויל 'קדושה', דער אויבערשטער וויל 'קדושה', דער אויבערשטער וויל 'שמירת הברית', דער אויבערשטער וויל 'איידלקייט', דער אויבערשטער וויל 'כפיית היצר', דער אויבערשטער וויל מען זאל אים ממליך זיין מיט דעם וואס מען איז נישט מורד במלכות שמים.

אט דער ענין פון 'קדושה', דאס איז א 'הכנה לקבלת התורה'. אוודאי דארף מען כסדר ארבעטן אין דעם, דאס איז א "מלחמה לה' בעמלק מדור דור", אבער אט דאס איז דער ריכטיגער שליחות אויף וואס מען איז אראפ אויף דער וועלט וואס מיט דעם ווערט מען א 'כלי' צו 'קבלת התורה'[טו].

דער הייליגער **רבי** זאגט[טז]: **"סילוקא דיסודא עד אבא ואמא"**[יז]; עס דערלאנגט אין די 'מוחין'; די 'מוחין' דארפן זיין כלים צו מקבל זיין 'ברכה', כלים צו מקבל זיין 'תורה', כלים צו מקבל זיין דעם "אנכי ה' אלוקיך"!

## די ריכטיגע שמחה

דער רבי זאגט אין **ליקוטי מוהר"ן** אין תורה כ"ז[יח]. דער רבי רעדט

---

**טו.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' עב: בשעת מתן תורה זכו כל ישראל לבחינת קדושה ופרישות, כמו שכתוב (שמות י"ט): **"היו נכונים לשלשת ימים, אל תגשו אל אשה"**. כי כולם נתקדשו בבחינת פרישות על ידי משה, שהיה קדוש ופרוש גדול, **שהמשיך להם את התורה על ידי זה.**

**טז.** 'ליקוטי מוהר"ן' סי' לו אות ה', וז"ל: זה הוא כלל גדול, שאי אפשר לשום אדם להשיג ולתפוס בדיבורו של הצדיק, אם לא שתיקן תחילה אות ברית קודש כראוי, ואזי יכול להבין ולתפוס דיבורו של הצדיק. דאיתא בזוהר: **'סילוקא דיסודא עד אבא ואמא'**. שהם בחינת חכמה ובינה, שהם י"ה, שהם מוחין. נמצא כשתיקן אות ברית קודש כראוי, אזי המוחין שלו בשלימות, ויכול להבין דיבורו של הצדיק. **כפי התיקון של כל אחד, כך הוא השגתו.**

**יז.** פירוש, מידת היסוד עולה ונסתלק עד אבא ואמא שהם המוחין.

**יח.** וזה תמצית לשונו היוצא משם לענינינו (מתוך ליקוטי עצות): על ידי תיקון הברית זוכה להארת פנים והדרת פנים, דהיינו שיזדכך חכמתו בהתורה וידע לבארה ולדרשה יפה בשלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן, שזהו בחינת הדרת פנים.

דארטן וועגן 'קריעת ים סוף'. ברענגט דער רבי אראפ[יט], די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן' קומט פון די 'י"ג תיקוני דיקנא דעתיק', דאס איז די העכסטע פלאץ אין 'אצילות', דארטן איז דא די 'י"ג מידות של רחמים', וואס פון דארט קומט אלע ישועות, און דער 'תיקון הבריאה' וועט קומען פון דארטן - פון דארט ווערט נשתלשל די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן'.

זאגט דער רבי[כ], די 'חכמי הדור' וואס זיי איז אנגעפולט דער מח מיט די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן', זיי האבן דעם ריכטיגן 'פנים דקדושה', (בבחינת "וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן"), בבחינת **"זקן זה קנה חכמה"**[כא]; 'זקן' דאס איז דער 'דיקנא קדישא', 'זה קנה חכמה' דאס איז די 'חכמת התורה', וואס דער שורש פון 'חכמת התורה' איז די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן'.

און דער רבי איז דאס דארטן מקשר 'בקשר אמיץ', אז אט דער 'פנים של תורה' פון די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן', דאס איז דער 'פנים' פון 'קדושה' פון 'קדושת הברית', וואס אט דאס שטראלט אויף די 'שומרי הברית', דאס איז דער זעלבער פנים[כב].

דער רבי זאגט: "הוֹד וְהָדָר **לְפָנָיו**" דאס איז דער 'פנים דקדושה' פון דעם "זקן זה קנה חכמה"; ווען? בשעת **"עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ"**. 'עוז', זאגט ער, איז 'בועז', **"בו עז - 'בו תוקפא"**[כג], דאס איז דער 'עוז דקדושה' וואס דאס דארפן האבן די 'שומרי הברית'; דעמאלס איז

---

**יט.** וזל"ש אות ג': 'הדרת פנים' זה בחינת 'דרושי התורה'. שהתורה נדרשת בשלש עשרה מדות, הנמשכים מתריסר תיקוני דיקנא (זוהר אחרי ס"ב.), מבחינת הדרת פנים, כמו שכתוב (ויקרא י"ט): "והדרת פני זקן".

**כ.** עיין שם אות ד'.

**כא.** גמ' קידושין דף ל"ב ע"ב.

**כב.** וזל"ש אות ו': להדרת פנים הנ"ל אי אפשר לבוא, אלא על ידי תיקון הברית. בבחינת (דברי הימים א ט"ז): "הוד והדר לפניו", כש"עוז וחדוה במקומו", שהוא ברית, הנקרא בועז, והוא חדוה דמטרוניתא.

**כג.** עיין תיקו"ז תיקון לא, דף עה ע"א.

"עוז וחדוה במקומו", דעמאלס איז די ריכטיגע 'שמחה דמטרוניתא', די 'חדוה דמטרוניתא'. אט דאס איז די ריכטיגע 'שמחה' למעלה, ווען א מענטש איז א 'שומר הברית'.

עס איז איין 'חכמה'; די חכמה פון 'שמירת הברית', און די חכמת התורה פון די 'י"ג מידות', דאס איז איין 'חכמה', עס איז איין שטראל, איין 'עוז'.

## 'שָׁמְרוּ אִמְרָתֶךָ וּבְרִיתְךָ יִנְצֹרוּ'

דער **טשעהרינער רב** זאגט[כד], מיט דעם איז אים פארענטפערט א **מדרש**. דער רבי ברענגט אראפ אין יענער תורה[כה] דעם **חז"ל**[כו]: "הַיָּם רָאָה **וַיָּנֹס**"; וואס האט ער געזען? דעם "**וַיָּנָס** וַיֵּצֵא הַחוּצָה", דאס 'התגברות היצר' פון יוסף'ן.

עס איז באוואוסט, עס איז געווען ביי אים אַן 'התגברות היצר' פון דער גאנצער בריאה. עס ווערט געברענגט, יוסף איז געווען אזא מין גרויסער מענטש, אז ווען ער ווערט חלילה נכשל, וואלט די וועלט דאן געכאפט א קלאפ אזוי ווי דעם קלאפ וואס מען האט געכאפט ביים 'חטא עץ הדעת' פון אדם הראשון'ען[כז].

ביי אדם הראשון איז אראפגעפאלן די וועלט; דער 'עולם העשיה' איז געווען גרעסער ווי היינט מיט פיר מדריגות ווי 'עולם המלאכים', און ער האט עס אריינגעווארפן און אראפגעלאזט ביז אין די קליפות אריין - אזא קלאפ וואלט די וועלט געכאפט. שטעלט זיך פאר וואספארא מין 'עוז' עס וואלט געווען דער 'להיפך'...

---

**כד.** בספרו 'פרפראות לחכמה' על תורה זו בליקוטי מוהר"ן.

**כה.** אות ז'.

**כו.** בראשית רבה פז ח.

**כז.** עיין 'מגלה עמוקות פר' ואתחנן אופן קע"ו שכל עבודת יוסף הצדיק היה לתקן חטא אדה"ר.

אט דעם מדרש ווייסן אלע, דעם חז"ל פון "הים ראה וינס" - "מה ראה - ארונו של יוסף" - דעם "וינס ויצא החוצה".

זאגט דער טשעהרינער רב, עס איז דא נאך א חז"ל וואס דער עולם פארשטייט עס נישט, אבער דורכ'ן רבי'ן איז דאס קלאר; עס איז דא א חז"ל[כח], "הים ראה וינֹס", וואס האט ער געזען? **"ברייתא דרבי ישמאל"**.

זאגט ער, לפי דעם רבי'נס ווערטער, די 'ברייתא דרבי ישמאל', די 'חכמת דתורה', און די חכמה פון 'שמירת הברית', דאס איז איין 'חכמה', דאס איז איין 'דעת', איין 'פנים דקדושה'[כט].

## אויסגעהיילט דורך דעם 'קל וחומר'

טאקע דער **בני יששכר** דאכט זיך זאגט[ל], בשעת מרים איז געווארן 'מצורעת'. א 'צרעת' היילט זיך נישט 'לעולם ועד'. די וועלט זאגט אויף איינעם וואס טשעפעט און מוטשעט תמיד, זאגט מען,

---

**כח.** הובא בספר 'מאמר מרדכי' ובעוד שאר ספרים.

**כט.** עיין 'אוסף מכתבים' (חלק א' מכתב ח') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: והנה בשבת העבר למדתי המאמר הזה, היינו מאמר כ"ז בליקוטי מוהר"ן. רבינו מקשר הענין של י"ג מידות שהתורה נדרשת, שזה בחינת חכמה הק', הדרת פנים, בחי' "הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ" (ד"ה-א טז, כז), שזה תלוי בשמירת הברית, כי כשיש "עוז", היינו התגברות על היצה"ר ב'עוז' (מל' 'בועז'), אזי "חדוה", היינו השמחה של השכינה, שזה עיקר השמחה העולה למעלה והיא 'החדוה במקומו'. וזה 'הוד והדר לפניו', היינו הדרת פנים זקן, י"ג תיקוני דיקנא, וזה כש'עוז וחדוה במקומו' – כי החכמה של י"ג מידות ושמירת הברית הם אור אחד.
ורבינו מביא שם את דברי חז"ל (תנחומא יד) על הפסוק "הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס" (תהלים קיד, ג) - שהים ראה את ארונו של יוסף שעליו נאמר "וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה" (בראשית לט, יב), עי"ז בכוחו נקרע הים. ובספר פרפראות לחכמה מביא עוד מדרש: הים ראה וינוס, מה ראה, ברייתא דר' ישמעאל ראה. ולכאורה אין המדרשים עולים בקנה אחד, ומאי שייכא ברייתא דר' ישמעאל להכא. ועל פי דברי רבינו הם מתורצים להפליא, כי 'ברייתא דר' ישמעאל' של הי"ג מידות והמדרש של 'וינס ויצא החוצה' של יוסף, הם בחינה אחת, כן מסיים בספר פרפראות לחכמה, עיי"ש ויונעם לך. יש לי ב"ה עוד ענינים להאריך בזה, אבל אקצר, כי הלא כל זה הבאתי דרך אגב, למען דעת כי הדרש הוא בעצם ההסבר הכי גדול.

**ל.** עיין שם 'מאמרי חדשי ניסן אייר' - מאמר ד': הנה קל וחומר נקרא דין, כמו שאמרו

'ער איז א 'נגע צרעת". א זאך וואס איז 'אייביג', דאס רופט זיך 'נגע צרעת', עס היילט זיך נישט.

ווייל אָן די 'תיקוני כהן' היילט זיך עס נישט[לא]. און מרים האט נישט געקענט האבן די 'תיקוני כהן', ווייל אהרן און די כהנים זענען געווען אירע קרובים, ממילא האט נישט געקענט זיין קיין 'תיקוני כהן'[לב]. דערפאר האט ער געמוזט ממשיך זיין 'למעלה מדרך הטבע' א ישועה פאר איר. האט ער דאס ממשיך געווען פון דער ערשטער מידה פון די 'י"ג מידות של רחמים'.

עס שטייט דאך[לג]: **"ה' ה' אֵל רַחוּם וְחַנּוּן"**. 'ה' ה" דאס איז דער סוד פון 'תרי פיאות'. און 'א-ל' דאס איז די ערשטע מידה (מי"ג מידות של רחמים). דערפאר האט ער געזאגט: **"אֵ-ל** נָא רְפָא נָא לָהּ", וואס מיט דעם האט ער דערלאנגט דעם 'גילוי אלוקות' פון 'אֵ-ל' וואס דאס איז די ערשטע מידה פון די 'תיקוני דיקנא', אז דער אויבערשטער זאל דורכדעם ממשיך זיין אויף איר א רפואה.

און דורכדעם האט ער טאקע געהערט ווי דער אויבערשטער דרשנ'ט א 'קל וחומר'[לד], וואס דאס איז די ערשטע מידה פון די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת', וואס דאס איז מכוון קעגן דעם שם 'אֵ-ל'; דאַן האט ער געשפירט - 'איך בין געהאלפן; די קראפט פון אויבערשטן איז אראפ, זי ווערט אויסגעהיילט!'.

---

תמיד בגמרא והלא דין הוא, והוא נגד מדה הראשונה שבי"ג מדות של רחמים היינו א"ל, והוא החסד הגמור 'חסד אל כל היום' [תהלים נב ג], והנרצה לנו, בלימוד האדם קל וחומר, אפילו הוא ח"ו נתון בדין, מתהפך לחסד, והוא עפ"י מה שאמר הרב הקדוש מהרד"ב זצוק"ל שביקש משה א"ל נא רפא נא לה וכו' [במדבר יב יג], והשיב לו הקב"ה למוד קל וחומר ויתעורר על ידי זה מידת א"ל, והבן.

**לא.** עיין 'רבינו בחיי' במדבר יב, יב.

**לב.** עיין 'רבינו בחיי' שם.

**לג.** שמות לד ו.

**לד.** עיין רש"י עה"פ (במדבר יב, יד) "ואביה ירק ירק בפניה הלא תכלם שבעת ימים" וכו'.

## דער חילוק פון דעם איד מיטן גוי

אין **ליקוטי מוהר"ן** סימן ל"ו זאגט דער **רבי**[לה], דער גאנצער חילוק פון דעם איד מיטן גוי איז דער חילוק פון **אחד** מיט **אחר**. 'אחד' דאס איז די אמונת האחדות 'שהקב"ה אחד ואין יחידות כמוהו בשום פנים' און אז ער איז 'אחד יחיד ומיוחד'. און 'אחר' דאס איז 'עבודה זרה'.

און דער חילוק, זאגט דער רבי, איז דער 'קוצא דאות ד'".

זאגט דער רבי, אט דער 'קוצא דאות ד'", דאס איז 'שמירת הברית', אט דאס איז דער חילוק פון א איד מיט א גוי[לו], דאס איז דער חילוק, דער 'קוצא דאות ד'".

עס איז קיין ספק נישט, אט דאס איז די ריכטיגע הכנה צום 'יום הקדוש' אין וואס עס איז דא אזא התחדשות אין דער בריאה פון 'קבלת התורה', וואס דער שורש פון דעם איז "אנכי", וואס דאס איז דער שורש פון אלע עשה'ס[לז].

עס ווערט געבראכט[לח], בשעת אידן האבן געהערט דעם ווארט "אנכי", האבן זיי געשפירט אלע 'עשה'ס'; און אז זיי האבן געהערט דעם "לא יהיה לך", האבן זיי געשפירט אלע 'לא תעשה'ס'. יעדע

---

**לה.** עיין שם בסופו, וז"ל: סוד 'אח"ר', כמו שכתוב (משלי כ"ה): "וסוד אחר אל תגל" כמובא בזוהר (בתיקונים תיקון ל"ד נ"ו ס"ט) **כשמפסיק הנקודה מהדל"ת של אח"ד, והנקודה היא אות ברית, אזי נעשה אח"ר.** היינו כשמכניס בריתו בזונה, הנקראת מלכות הרשעה, הנקרא אל אחר. **אבל מי שמקדש את עצמו מזאת התאוה, אזי הוא נתקשר במלכות שמים** הנקרא 'אני', כמו שכתוב (ויקרא י"ט): "קדושים תהיו כי קדוש אני", ובכל מקום שאתה מוצא גדר ערוה תמצא קדושה (זוהר מקץ ר"ד): **'אבל מאן דגלי עריין, הכי איהו אתגלי בין אינון עריין, דאינון אלהים אחרים'** (תיקונים תיקון נ"ו דף צ"ג). ובשביל [זה] מובא בזוהר (קדושים פ"ד): כד חזי רבי שמעון נשי שפירין, אמר: "אל תפנו אל אלילים". כי ניאוף היא עריות, אלהים אחרים, מלכות הרשעה.

**לו.** עיין 'ליקוטי עצות' ערך 'ברית' (עפ"י ליקו"מ סי' י"ט), וז"ל: **עיקר ההבדל וההפרש שיש בינינו לבין הגויים**, מה שאנו פורשים עצמנו מניאוף. **כי זה עיקר קדושת ישראל.** כי יש כח באדם להסיח דעתו מתאוה זאת ולשברה. **וזה עיקר קדושתינו.**

**לז.** עיין 'זוהר חדש' פר' יתרו.

**לח.** שיר השירים רבה א טו.

'עבירה' איז 'עבודה־זרה'[לט], און יעדע 'מצוה' איז - 'מצוה' איז 'צוותא', מען ווערט מקושר מיט דעם צו השם יתברך.

די גרעסטע הכנה איז 'שמירת הברית'.

מען האט גערעדט פריער פון דעם ענין פון זיך מטהר זיין פון 'טומאת מצרים', פון 'שבעה נקיים', אז דאס איז אלץ דער ענין פון 'ספירה'; אט דאס איז אַן הכנה, א 'הכנה ראויה'!

'בלי ספק'! אז א מענטש איז זיך מקבל צו טון 'כפי יכלתו' צו זיין אפגעהיטן 'במחשבה בדיבור ובמעשה', אט דאס איז די 'הכנה ראויה לקבלת התורה'[מ].

*

## 'ואתם תהיו לי ממלכת'

נאך דעם, נאך א נקודה. איינס איז נישט סותר די צווייטע, אדרבה - עס איז מחזק, עס איז 'תלוי זה בזה' בקשרים נפלאים. אבער עם־כל־זה, יעדער איינער האט זיך זיין ענין וואס פון דארט קען ער אנהויבן, און דאס דארף ער אנהויבן, און פון וואו ער הויבט אָן, איז ער 'מצא חן בעיני ה'', און דאס איז ביי אים די 'הכנה לקבלת התורה'.

דער **רבי** טאקע אין **ליקוטי מוהר"ן** אין תורה נ"ו - א תורה נפלאה - ממש א 'גן־עדן' די תורה - וואספארא מיני דרושים נפלאים. רעדט

לט. עיין 'אגרא דכלה' פר' ויצא ד"ה 'וייקץ יעקב'; גם עיין 'ביאור הליקוטים' בהקדמה שניה.

מ. עיין 'ליקוטי עצות' שם ל"ה (עפ"י תורה זו בליקו"מ), וז"ל בא"ד: **כל אחד כפי מה שעומד בנסיון זה ומשבר התאוה, כן זוכה להתגלות גדול בתורה ועבודה, וזוכה לשבעים פנים של התורה**; ובהמשך שם אות מ' כתב בא"ד בזה"ל: **קודם שיזכה אדם להתגלות התורה, הוא צריך לבוא בנסיון בצירוף בתוך התאוה** הנ"ל שהוא עיקר הנסיון והצירוף כנ"ל, **וכשיעמוד בנסיון** וישבר הקליפה שקדמה לפרי, **יזכה לפרי דהיינו להתגלות התורה.**

דער רבי דארט די גרויסקייט פון 'שבועות'; דער רבי זאגט דארט[מא], 'שבועות' איז א 'דעת עליון' פון 'שער הנו"ן' - הפלא ופלא די קדושה וואס שיינט שבועות.

למעשה, מען זעט אלץ, אין **ליקוטי תפילות** ברענגט ער אלעמאל אראפ בפַשטות די 'למעשה'. 'למעשה', דער רבי רעדט דארט[מב] אז יעדער איינער האט א 'מלכות', יעדער איינער איז א 'מלך'. אבער ער דארף זען עס זאל זיין א 'מלכות דקדושה', עס זאל נישט קיין 'רבנות שמקברת את בעליה'[מג], נאר עס זאל זיין א 'מלכות' פון "**וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה**".

זאגט דארט דער רבי[מד], אט דאס איז מען זוכה דורך דער 'תורה'; דורך 'תורה' איז "**בִּי מְלָכִים יִמְלֹכוּ**"[מה]. דו ביסט א 'מלך'! וואס הייסט

---

**מא.** וזה תמצית לשונו שם (מליקוטי עצות): טבילת המקוה בשבועות הוא חסד עליון ורחמים גדולים ודעת נפלא מאד. כי שבועות הוא שכל דק ועליון וגבוה מאד שהוא חסדים ורחמים גדולים מאד, כי הרחמים הם כפי הדעת, כמו שנתבאר במקום אחר. אשרי הזוכה לקבל קדושת שבועות בפרט המקוה של שבועות שהיא מקוה של שער החמשים שמשם נמשך הקדושה והטהרה על ישראל אז.

**מב.** וזה תמצית לשונו שם (מליקוטי עצות): כל אחד מישראל יש לו בחינת מלכות וממשלה לפי בחינתו, יש שהוא שורר בביתו, ויש שהוא מושל ביותר וכו'. וצריך כל אחד ליזהר ביותר לבלי להשתמש עם המלכות והממשלה שיש לו להנאתו ולצרכו, כי אם לעבודת השם יתברך לבד, דהיינו להזהיר ולהוכיח את כל הנכנעים תחתיו להשיבם אל ה'. אם היא מושל בביתו לבד, צריך להזהיר ולהוכיח את בני ביתו בעבודת ה'. ואם יש לו ממשלה יותר, כל אחד לפי בחינתו מוטל עליו להזהיר ולהוכיח יותר ויותר אנשים, כל אחד לפי הממשלה שיש לו. וכשאינו נזהר להוכיחם ולהזהירם כראוי, הוא נענש עליהם ונתקצרין ימיו, חוס ושלום, ועליו נאמר, אוי לרבנות שמקברת את בעליה. אבל כשמוכיחם ומזהירם בעבודת השם כראוי, על ידי זה ממשיך חיים ואריכות ימים.

**מג.** עיין גמ' פסחים דף פז ע"ב.

**מד.** שם בהמשך, וז"ל: אבל אי אפשר להוכיחם ולהזהירם כראוי כי אם על ידי עסק התורה, שעל ידי זה יכולים להוכיח הכל אפילו הרחוקים ממנו מאד מאד, ואפילו אם אינו יודע מה שצריך להם. כי על ידי עסק התורה זוכים, שגם הרחוקים מאד ישמעו קול הכרוז של התורה, שמכרזת וצועקת תמיד, עד מתי פתיים וכו', ועל ידי זה ישובו הכל אל ה'.

**מה.** משלי ח טו.

דו ביסט א 'מלך'? יעדער איד דארף ממליך זיין דעם אויבערשטן כביכול אויף א חלק בריאה, דעמאלס איז ער א 'מלך' ממש! "כל בני ישראל בני מלכים"![מו] ער איז א 'מלך' אויף אט דער חלק בריאה!

וואס עס טוט זיך איבער מיט א מענטש מעברים ברוחניות צו מעברים בגשמיות, אז דער אויבערשטער העלפט, איז ער ממליך דעם אויבערשטן בכח התורה, ער ווייסט ווי זיך צו פירן, ער ווייסט ווי זיך אומצוגיין מיט גוטע מידות, מיט 'דיבור', מיט 'תפילה', מיט 'אמונה', מיט 'תורה הקדושה'; דעמאלס פירט ער א 'מלכות דקדושה' און ער האט א חלק אין דער 'תיקון הבריאה' 'לעולמי עד ולנצח נצחים'![מז]

אט דער מענטש - ער איז א 'מלך'! 'לעתיד' וועט ער האבן ממש 'זיו השכינה' פון די תיקונים וואס ער האט געמאכט.

יעדער איינער איז א 'מלך', יעדער איינער האט א 'מלכות'.

זאגט דער רבי, דאס איז נאר דורך דער גרויסקייט פון 'מצוַת לימוד התורה'[מח].

---

**מו.** גמ' שבת דף קיא ע"א.

**מז.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פדיון בכור ה"ה אות יט: כשמאמין באמת שעדיין ה' אתו, אז בודאי מקבל עוז וממשלה ומלכות דקדושה **שזה עיקר המלכות באמת** בבחינת 'כל ישראל בני מלכים הם'. כי **זה ידוע וברור** לכל משכיל, שאין שום ממשלה ומלוכה אמיתית בעולם כי אם מלכות דקדושה, דהיינו כשיש לו איזה מלכות וממשלה בשביל להגדיל כבודו יתברך שהוא בחינת מלכות הקיימת לנצח, בחינת כי לה' המלוכה. אבל כל בחינת מלכות וממשלה והתנשאות שאינו לשם שמים הכל הבל נדף אין בו ממש, כמו שכתוב 'ואנשי השם כלא היו' וכו'. כי היום בכאן ומחר בקבר ואין מלכותו מלכות עולם ואם יעלה לשמים שיאו וכו' כגללו לנצח יאבד וכו'. **ועל כן עיקר המלוכה והממשלה הוא כשזוכה לחזק עצמו ולידע כי עדיין ה' אתו.**

**מח.** עיין 'שיחות הר"ן' אות יז: ודע שהגדולים שהיו בדורות שלפנינו, דהיינו הרבנים הגדולים שהיו אז, לא היו יודעים שום כוונות, **ואף על פי כן היה יכולים לעשות מופתים רק על ידי לימוד התורה הקדושה**, כי על ידי זה כשהיו אומרים איזה דיבור נתקיים כך.

## 'וקרא בו כל ימי חייו'

דאס עצם 'לימוד התורה' איז אזא מצוה, חוץ וואס די מצוה איז 'גדולה לימוד שמביא לידי מעשה'[מט], איז יעדע תורה א שטיק 'השגות אלוקות', וואס דא (אויף דער וועלט) איז עס מלובש אין 'שור שנגח את הפרה', אבער וויפיל מען כאפט אריין אויף דער וועלט, אזויפיל 'אלוקות' האט מען (אויף יענער וועלט)[נ].

דער רבי זאגט דארט מפורש, עס שטייט[נא]: "**וְקָרָא בוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו**"[נב]; אונז לעבן? מיר האבן דען לעבן? - 'חיים נצחיים' איז דאך

---

**מט.** גמ' קידושין דף מ' ע"ב.

**נ.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ראשית ה"ג אות יט: לעתיד שאז ישיגו כל הלכות התורה בתכלית הבירור לאמיתתן וגם יבינו אז כל פנימיות סודות של כל ההלכה והלכה איך לדבק את עצמו וליכלל בו יתברך **על ידי כל דין ודין של כל הלכה והלכה** בבחינת כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן העולם הבא. כי כפי היגיעה שהיה לו בעולם הזה ללמוד ולשנות הלכות כן יזכה לעולם הבא שהוא השגת דעת פנימיות וסודות ההלכות שזה עיקר בחינת עונג שבת שהוא תענוג ושעשוע עולם הבא; גם עיין 'ליקוטי תורה' (לבעל התניא) פר' ואתחנן דף ו' ע"ב, וז"ל: הנה אמרו רז"ל 'אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו', שבגן עדן לומדים ג"כ כל התשבע"פ כמו ע"ד דוגמא עניני ההלכות שאנו שונין כאן בעוה"ז החומרי שור שנגח כו' וכיוצא וידוע דהלכה זו דבר ה' היא והקב"ה יושב ושונה כנגדו כו' **וא"כ בגן עדן שהנשמות עוסקים בהלכה זו דשור שנגח כו' אין לומר דהשגתם שם כהשגתנו כאן על ענינים גשמיים ממש דהרי אין שור גשמי בגן עדן כו'** ומופשט שם בודאי מכל גדר וגשם כו'. אך ודאי השגתם שם על רוחניות כמו בבחי' השור דמרכבה פני שור מהשמאל וכיוצא, וסוד הכוונה בטעמה של הלכה למה יהיה הדין כך כו'. וזהו הנקרא פנימית התורה ונשמתא דאורייתא. אבל השגתנו כאן הלכה זו דשור שנגח זהו בחי' גוף התורה. ויש ג"כ שנקרא לבושא דאורייתא בזוהר שם. וכן בדוגמא זה בכל ההלכות שאנו שונין כאן.

**נא.** וזל"ש אות ג': **לבוא לאריכות ימים, הוא על ידי עסק התורה**. כי אורייתא שמא דקודשא בריך הוא (תיקון י' דף כ"ה:), וכמו כשצריכין לקרות את אחד קורין אותו בשמו, כן כשצריכין לקרות את חי החיים כדי להמשיך ממנו חיים ואריכות ימים, צריך לקרות אותו בשמו כביכול, ושמו הוא התורה כנ"ל. נמצא שעל ידי עסק התורה, קורין את האריכות ימים. ועל כן מוזהר המלך על עסק התורה ביותר מכל העולם, מחמת שהוא צריך לקרות את האריכות ימים לתוך המלכות כנ"ל. וזה שכתוב בפרשת המלך, (דברים י"ז): **"והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו למען יאריך ימים על ממלכתו"**. וזה: "וקרא בו כל ימי חייו". "וקרא" בו דייקא, היינו שעל ידי עסק התורה הוא קורא את החיים כנ"ל.

**נב.** דברים יז יט.

נאר 'הקדוש־ברוך־הוא'[נג]? נאר אז מען לערנט תורה, האט מען 'חלקי חיים' פון אויבערשטן, און אז מען לערנט נאך תורה, האט מען נאך 'חלקי חיים'.

דאס הייסט, מען קען נישט מקבל זיין (החיות) נאר מיט 'גבולים', דערפאר האט דאס דער אויבערשטער מלבש געווען אין 'תורת הנגלה' - אז מען זאל לערנען און עוסק זיין אין דעם, אז די תורה זאל זיין ממש 'כאַויר לנשימה'[נד].

דער גרעסטער 'תיקון' פון א מענטשן איז 'לימוד התורה'[נה].

דער רבי זאגט אין **ספר המידות**[נו]: **"הֶרגל הלימוד הוא עולה למעלה על קיום כל המצוות"**. דאס איז א מורא'דיגע זאך! אזא זאך!

עס איז דא אזויפיל (צו לערנען); און דער זמן אויף דער וועלט איז דאך 'מוגבל', וויפיל לעבט דען א מענטש?! דער אויבערשטער זאל

**נג.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כא אות יא: חיים נצחיים הם **רק** להשם יתברך, כי הוא חי לנצח. ומי שנכלל בשרשו, דהיינו בו יתברך, הוא גם כן חי לנצח, כי מאחר שהוא נכלל באחד והוא אחד עם השם יתברך, הוא חי חיים נצחיים **כמו** השם יתברך.

**נד.** וז"ל רביז"ל שם בהמשך: וזה: "ימי חייו". 'ימי חייו' דייקא, כי כשמקבלין את החיות, צריך לקבלם במדה. כי בלא מדה וצמצום אי אפשר לקבל את החיות מהשם יתברך, מחמת ריבוי אור, כי ריבוי השמן גורם כיבוי הנר, על כן צריך לקבל החיות במדה, וזה זוכין על ידי עסק התורה.

**נה.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' בציעת הפת ה"ה אות כג, וז"ל: **עיקר המלחמה כנגד היצר הרע הוא רק על ידי התורה**, כמו שאמרו רז"ל 'אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא נימוח' וכו'. ועל כן קראו מנוול, כי עיקר התגברותו על ידי הניוול של הבגדים הצואים כנ"ל. והתיקון על ידי מימי התורה וכו' וכנ"ל. **וכמו ששמעתי מפיו הקדוש ז"ל** שאמר, נכספתי מאד להמשיך העולם אל עשיה, דהיינו שיהיה חיוב לכל אחד בכל יום ללמוד כך וכך כפי ערכו וכו'. ושאלתי אותו אז, הלא יש בני אדם בעלי עבירות רחמנא לצלן?! השיב בלשון גערה קצת, **אין אתה יודע כח הגדול של התורה וכו'**. וכוונתו היתה שאפילו מי שנלכד בעבירות ח"ו, ונדמה לו שאי אפשר לו לצאת משם. אם אף על פי כן היה קובע לו שיעורים קבועים לתורה בכל יום ויום היה כח התורה מתגבר עד שגם הוא היה נתתקן ויוצא מהם סוף כל סוף. (עיין מזה בשיחות הר"ן [אות קל"ז] שאחר הסיפורי מעשיות). **נמצא, שעיקר נצחון היצר הרע על ידי התורה.**

**נו.** ערך 'לימוד' אות לג.

אונז געבן 'אריכות ימים ושנות חיים טובים הרבה'. אבער מיר דארפן ממלא זיין אונזערע טעג מיט די יארן מיט 'לימוד התורה' - מיר האבן א תורה אויף דער וועלט!

דער רבי אליין זאגט, יעדער איינער איז א 'מלך'! דער "וקרא בו כל ימי חייו" גייט אויף 'כל אחד ואחד מישראל'!

## קבלת עול תורה

די משנה זאגט[נז]: **"כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ"**. לעולם איז דאך דא זייער אסאך טרדות אויף דער וועלט. אבער עם־כל־זה, אז א מענטש ווערט אַן אמת'ער מתמיד, ער בטל'ט נישט קיין רגע, ער פילט אָן 'כל עת ורגע' בלימוד התורה, העלפט אים דער אויבערשטער, ער פארגרינגערט אים אסאך פונעם 'עול מלכות ועול דרך ארץ', און 'הבא לטהר מסייעין לו', ער גיט אים אסאך צייט און אסאך אפשרות נאך צו שטייגן אין לערנען און נאך רוכש זיין תורה.

זאגט דער **רמב"ם**[נח] דערויף, וואס הייסט 'המקבל עליו **עול** תורה'? זאגט דער רמב"ם אזא מין 'דבר פשוט', [דער **תוספות יום טוב** ברענגט עס אראפ], **"התמדת הקריאה"**! ער איז מקבל אויף זיך צו זיין א מתמיד 'לקרות תמיד בתורה', אט דאס איז "מקבל עליו **עול** תורה".

אט דאס איז טאקע וואס מען פירט זיך ביי כלל ישראל אין די ישיבות צו לערנען אין די 'שלושת ימי הגבלה' בהתמדה; דער עיקר כוונה איז, מיר זאלן וויסן - מיר האבן א 'תורה הקדושה', און אז עס בלייבט גארנישט פון די אלע 'הבלי עולם' - 'ברוך השם מיר האבן א תורה הקדושה'![נט].

---

**נז.** אבות פ"ג, מ"ה.

**נח.** שם בפירושו למשניות.

**נט.** עיין תהלים 'ישועות אשא' (שיעורים שיעור ד') למורינו הגה"צ שליט"א, וז"ל: **"ובתורתו יהגה יומם ולילה"** (תהלים א' ב') – 'יהגה' מתפרש גם בדיבור וגם במחשבה. וכאשר יש לו

## געשפּאָלטן דער תורה

דער הייליגער **רבי** האט געזאגט[ס]: **"יש ספרים הרבה"**, און **"עתידים להיות עוד כמה ספרים"** - עס וועט נאך זיין אסאך ספרים, **"וכולם נצרכים להעולם"**.

מען זעט ברוך השם, אין אזא מין דור, אין וואס עס איז דא אזא מין 'חושך אפילה' 'שלא היה לעולמים', האט דער אויבערשטער געדארפט דא געבן עפעס א 'תגבורת' אנטקעגן, האט דער אויבערשטער געגעבן דער תורה, עס דרוקט זיך די תורה אזויפיל, אזויפיל ספרים נפלאים וואס גייט ארויס, הפלא ופלא, וואס ממש, עס ווערט מפורט הלכות און זאכן, מען קען היינט אסאך לערנען, מען קען היינט אסאך שטייגן אין לערנען - ערשט איז דער זמן, ערשט איז דער זמן.

לעתיד וועט זיין א גרויסע 'קבלת התורה' נאכאמאל פון 'פנימיות התורה' - אזוי זאגט **רש"י** אין 'שיר השירים' אויפ'ן פסוק[סא]: **"יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ"**, אז דער אויבערשטער וועט מגלה זיין, און זיך באווייזן 'פנים בפנים' מיט די 'פנימיות התורה'. אבער דאס וועט זיין,

---

הזדמנות של דיבור צריך לעסוק בדיבור, כמו שאמרו חז"ל (עירובין נד ע"א) על הפסוק **"כי חיים הם למוצאיהם - למוציאיהם בפה"**, כי הוא קונה חיים, הוא קונה את השי"ת וקונה נצחיות על ידי פיו – כי חיים הם למוציאיהם בפה. ואנו מוצאים בזהר הנאמר בליל חג השבועות על רבי שמעון והחבריא "והוו מרננים ברינוני דאורייתא" שכולם ישבו ולמדו במתיקות ובשמחה, בקול ובנעימות – ברינון דאורייתא. זה עיקר לימוד התורה. יש פסוק **"שמחה לאיש במענה פיו"** (משלי טו כ"ג), וראיתי פירוש במענה פיו שהוא גורם עינויים לפניו, שאינו מדבר מה שרוצה, אינו מדבר לשון הרע ועוסק בתורה, בלי עצלנות, פתח פיך ויאירו דבריך, וזאת היא השמחה לאיש. ורואים לשון ברמב"ם על דברי חז"ל 'כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ' – כותב הרמב"ם שהמקבל עליו 'עול' תורה פירושו התמדת הקריאה (מובא בתוס' יו"ט בשם הרמב"ם), בפשיטות לשבת וללמוד בקול זה נקרא עול תורה.

**ס.** 'ליקוטי מוהר"ן' סי' סא אות ה'.

**סא.** שיר השירים א, ד. וז"ל רש"י שם: ומובטחים מאתו להופיע עוד עליהם לבאר להם סוד טעמיה ומסתר צפונותיה ומחלים פניו לקיים דברו. וזהו ישקני מנשיקות פיהו.

לפי וואס מיר לערנען תורה, אזויפיל 'פנימיות התורה' וועלן מיר קענען מקבל זיין.

אין **תיקוני זוהר** שטייט[סב], רבי שמעון האט געזאגט צום 'רעיא מהימנא': 'אין אנהויב האסטו געשפּאָלטן דעם יַם 'בחוטרא' - 'בּמַטה דילך' האסטו געשפאלטן דעם 'יַם'; לעתיד וועסטו שפאלטן דער תורה 'בקולמוסא' - מיט דער פּענע!'.

עס איז ממש מקוים געווארן היינט, מיט דער פּענע שפּאַלט מען און עס ווערט אפען די תורה, וואספארא סארטן ספרים נפלאים מען גיט ארויס - 'הפלא ופלא'! מ'קען דאך היינט לערנען ש"ס מיט יורה דעה. עס איז אמאל געווען פארמאכט, פארמאכט, און דא, פשוט עס האט זיך געעפנט די תורה, 'בָּזַע יַמָּא דאורייתא', 'בקולמוסא' שפאלט זיך דער 'יַמָּא דאורייתא' אז מען זאל קענען מער אריינגיין אין דער תורה, לערנען און עוסק זיין מער אין תורה, פארשטיין מער די תורה[סג].

על־כל־פנים, אט דאס איז איינע פון די הכנות צו 'קבלת התורה', ווערן א 'מתמיד', מקבל זיין 'עול תורה'.

## דער חזו"א האט פארשטאנען א צווייטן אויך

דער **חזון איש** האט געזאגט[סד]: ביי דער בר־מצוה האט ער מקבל געווען אויף זיך צו לערנען כל ימיו 'תורה לשמה'. דער אויבערשטער האט אים טאקע געעפנט די טירן - ער האט עס אויסגעפירט[סה].

---

**סב.** עיין תיקו"ז דף מג ע"א; ובתיקוני זוהר חדש.

**סג.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' יין נסך ה"ג אות ו', וז"ל: ועל זה התנבא יעקב אבינו כשבירך את יהודה, שממנו יצא המשיח, **"לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו עד כי יבא שילה"**. מחוקק זה הדפוס שהתנבא, שלא יסור שבט מיהודה, זה בחינת שבט סופר, בחינת כתיבת הספרים הקדושים של התורה, ומחוקק זה בחינת הדפוס, **שתתגלה חכמת הדפוס בעולם** ולא תתבטל חקיקת והדפסת ספרי ישראל, עד כי יבא שילה דא משיח, **כי על ידי ריבוי הספרים הקדושים, על ידי חכמת הדפוס לא תשתכח התורה עד שיבוא שילה דא משה משיח.**

**סד.** עיין 'מעשה אי"ש' ח"א עמוד טו.

**סה.** עיין שם ח"ה עמוד ס"ה, שהתבטא פע"א מרן החזו"א שהוא אינו זוכר דף גמרא אחד

ער האט אמאל געזאגט, ער איז געווען א שטארקער 'בעל ריכוז', האט ער געזאגט: איך קען לערנען צען שעה ברצף אחד, איין ענין, איין סוגיא - 'עמוק עמוק', מיט אלעם - 'הפלא ופלא'!

עם־כל־זה האט ער פארשטאנען א צווייטן; פאר אנדערע וואס האבן נישט אזא 'ריכוז', האט ער געזאגט, מען זאל לערנען אפילו צען שיעורים א טאג, אפילו צוואנציג שיעורים א טאג, 'אַבּי - בטל נישט' [סו].

לערן, רוה זיך אפ, בייט א צווייטע גמרא, בייט א צווייטער לימוד, לערן, לערן, לערן כסדר - ווען דו ווילסט אנקומען, בטל נישט, פיל אָן, פיל אָן דיין לעבן מיט תורה, לעב נישט 'לריק', זיי עוסק בתורה.

## 'כי הוא חייכם'

מען זעט טאקע; די **גמרא** זאגט[סז]: "**נשים במאי זכיין?**" זאגט די גמרא צוויי זאכן: "**באקרויי בנייהו לבי כנישתא**" - זיי גרייטן צו די קינדער צו גיין אין חדר, זיי פירן זיי אין חדר, "**ובאתנויי גברייהו בי רבנן ונטרין לגברייהו עד דאתו מבי רבנן**" - אַדערוויל ווען די מענער זיצן אין שול און לערנען, און זיי ווארטן, זיי קומען שפעט, מיט דעם זענען זיי זיך משתתף מיט זייער לערנען - אויף דעם איז זייער שכר.

אלע מפרשים פרעגן, עס איז דא אזויפיל 'מצוות עשה'ס' וואס איז נישט קיין 'זמן גרמא' וואס 'נשים חייבות', און אזוי אויך איז פארהאן

---

שלמד שלא לשמה!

**סו.** עיין 'קובץ אגרות חזו"א' ח"א מכתב ב', וזל"ש: עיקר הלימוד הוא התמידי והבלתי נפסק. בלימוד התמידי הוא סוד הקדושה. וזה שעושה תורתו קרעים קרעים אסף רוח. מן הראוי לחבל תחבולות איך לקנות את התמדת הלימוד, ולהתפלל על זה תמיד. אפשר לקבוע לימודים שונים בכל יום כמו לימוד תורה שבכתב עם פירש"י. לימוד משנה. ספרי מוסר. גמ' בעיון ובמהירות. לקנות חבר טוב. ללמוד בביהמ"ד ועוד. והעיקר לזכור לפני מי אתה עמל ולבלי להסיח דעת מזה.

**סז.** ברכות דף יז ע"א.

'מצוות שהזמן גרמא' וואס נשים זענען 'חייבות', 'לאווין' זענען זיי 'חייב', עס פעלט דען עבודת ה' ביי נָשִׁים? וואס איז פשט פון דער קשיא 'נשים במאי זכיין'?

זאגן דער **גאון**[סח], יעדע מצוה האט טאקע אין זיך אַן אנדער סארט סגולה, אַן אנדער גוָון, אַן אנדער ענין, אבער דער 'מציאות החיים' דאס איז די 'תורה', דער 'מציאות החיים' דאס איז די 'תורה'.

א מענטש קען האבן אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, עס קען זיין געזונט זיינע הענט, זיינע פיס, זיינע לונגען, זיינע לעבער, זיינע נירן, זיינע אויגן, אלעס איז געזונט, אבער אויב ער לעבט נישט, איז עס גארנישט ווערד, עס מוז זיין דארט 'לעבן'.

דער רבי זאגט טאקע דאס לשון אין תורה נ"ו: **"וקרא בו כל ימי חייו"**, מיט דעם נעמסטו 'לעבן' פון דעם אויבערשטן אליין - און דו **לעבסט** מיט דעם!

אט דאס זאגט די גמרא, די פעולות וואס זיי טוען 'למען' תורה, אט דאס גיט זיי לעבן, פון דארט ווערט נמשך פאר זיי 'לעבן' - אז זיי זאלן האבן 'חיים', וואס דערנאך ווערן אלע מצוות 'לעבן'; אבער 'לעבן' נעמט מען בכח דער תורה[סט].

---

**סח.** 'אמרי נועם' על גמ' ברכות שם.

**סט.** עיין עוד 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ח' אות ב' מש"ש שעיקר רוח החיים הוא בהתורה; גם עיין שם בתורה הנפלאה תניינא סי' ע"ח מה שביאר רביז"ל מה שלפי זה קשה איך יכולים להתקיים אפילו רגעא חדא בעת שבטלים מן התורה כי כל הפורש מהתורה כפורש מן החיים, עיי"ש נפלאות סוד הענין.

# יאמץ לבך

מען זעט דאס טאקע ביי רבי עקיבא'ן. דער **אר"י הקדוש** זאגט (שער הגלגולים הקדמה לד), ביז די פערציג יאר האט ער געהאט אין זיך א געוויסער 'רע', וואס אט די 'רע' האט אים נישט געלאזט מקורב ווערן צום אויבערשטן, די 'רע' האט אים נישט געלאזט לערנען, ער האט נישט געגלויבט בשום-אופן אז ער קען ווערן 'רבי עקיבא' – ער האט נישט געגלויבט, די 'רע' האט אים נישט געלאזט, די 'רע' האט אים מייאש געווען.

מען זעט טאקע, חז"ל זאגן (אבדר"נ פ"ו), ער איז נתעורר געווארן ווייל ער האט געזען א מעיין וואס האט געקלאפט אויף א שטיין און עס האט דורכגעלעכערט דעם טיפן שטיין דורך און דורך. עס ווערט דאך געבראכט (סוכה נב ע"א), איינער פון די נעמען פון דעם יצר הרע איז, "אבן". און די תורה איז דאך – "אם אבן היא נימוח".

**האט ער דערהערט א זאך – די תורה קען מכניע זיין דעם 'אבן', עס קען ווערן ביי אים אויס 'אבן'.**

**ער האט נישט געגלויבט אז עס קען זיין ביי אים אויס 'אבן'.**

(ספר החדש "יפה ירושתינו" משיבת נפש ח"א – הקדמה)

בס"ד

חיזוק · הדרכת החיים · השקפת היהדות

# די נשמה!

## די נשמה פון אידישקייט · די נשמה פון מורינו הגה"צ שליט"א

צו באלייכטן און אויפשיינען יעדעס איינציגסטע איד




די וואונדערליכע
און
וועלט-בארימטע
שטיקער
חזוק והדרכת
החיים, שיעורי
משיבת נפש,
מפי הגה"צ רבי
**יעקב מאיר**
**שעכטער**
שליט"א

**עפנט אייערע אויגן**
**צו א נייע לעבן:**
**צו באקומען**
**אין אלע געשעפטן**